# ***אינפארמאציע און אנווייזונגען אויסצופולן די פארלאנג פאר אן ערשטע-שטאפל דעסק איבערזוכט פון דורכגאנג באצאלונג אדער צאמגערעכנטע איבריגע שטיצע באצאלונג***

ביטע קוקט איבער די בייגעלייגטע "וויאזוי ווייס איך אויב איך זאל פארלאנגען א דעסק איבערזוכט?" פעקל **איידער** איר זעצט פאר.

די אינפארמאציע איז אויך אוועילעבל אויף [https://www.childsupport.ny.gov/dcse/desk_review.html](https://www.childsupport.ny.gov/dcse/desk_review.html).

## אינפארמאציע - באדייטן

**צוטיילונג פון שטיצע רעכטן:** ווען איר פארלאנגט צייטווייליגע הילף (Temporary Assistance, TA), און פאר אזוי לאנג ווי איר באקומט TA, צוטיילט איר, אדער פירט איר אריבער, צו די סאושעל סערוויסעס דיסטריקט (דיסטריקט) אייערע רעכטן צו באקומען שטיצע באצאלונגען פאר זיך און פאר וועם איר פארלאנגט אדער באקומט TA. דאס מיינט אז די דיסטריקט וועט צוריקהאלטן שטיצע געלטער וואס איז געקומען פאר אייך אדער אייער פאמיליע אינעם צייט וואס איר זענט אויף TA. די דיסטריקט וועט נוצן די שטיצע צו צוריקצאלן די TA וואס ווערט געגעבן פאר אייך אדער אייער פאמיליע. **באצאלטע TA נעמט אריין TA באצאלונגען געמאכט דירעקט צו א לענדלארד, יוטיליטי פירמע, אדער אנדערע פירמע אין אייער נאמען.**

**דורכגאנג באצאלונגען:** אויב די יעצטיגע שטיצע פליכט ווערט באצאלט אין די מאנאט וואס עס איז שולדיג, וועט די דיסטריקט אייך געבן א טייל פון די איסגעטיילטע שטיצע געלטער אין צוגאב צו אייער TA געלט. די טייל פון די טשיילד סופארט באצאלונג וואס ווערט געגעבן צו אייך ווערט אנגערופן א **דורכגאנג באצאלונג**. די סומע פון די דורכגאנג וואס איר באקומט ווענדט זיך אין די צאל מענטשן אונטער 21 וועלכע זענען אקטיוו אויף אייער TA קעיס און די יעצטיגע שטיצע פליכט וואס ווערט גענומען יעדע מאנאט. **דורכגאנג באצאלונגען זענען א סומע ביז:**

- $100.00 א מאנאט פון יעצטיגע שטיצע גענומען אדער ביז די יעצטיגע שטיצע פליכט גענומען, וועלכע עס איז ווייניגער, פאר א פאמיליע מיט איין קינד וואס איז אונטער 21 אקטיוו איף די TA קעיס; אדער
- $200.00 א מאנאט פון יעצטיגע שטיצע גענומען אדער ביז די יעצטיגע שטיצע פליכט גענומען, וועלכע עס איז ווייניגער, פאר א פאמיליע מיט צוויי אדער מער קינדער וואס איז אונטער 21 אקטיוו איף די TA קעיס.

איר קענט פארלאנגען א ערשטע-שטאפל דעסק איבערזוכט פון א **דורכגאנג באצאלונג** פאר אלע אדער א טייל פון די צייט פונעם דאטום ווען איר מאכט די פארלאנג צוריק ביז יאנואר 1 פון די פריערדיגע קאלענדער יאר.

**צאמגערעכנטע איבריגע שטיצע באצאלונג**: אויב די סומע פון שטיצע גענומען און געהאלטן דורך די דיסטריקט איז מער ווי די סך הכל סומע פון TA באצאלט פאר אייך און אייער פאמיליע דורכאויס די צייטן וואס איר זענט געווען אויף TA אין די דיסטריקט זייט אייער TA קעיס איז געעפענט געווארן, זענט איר בארעכטיגט צו די איבריגע סומע פון שטיצע. די **צאמגערעכנטע איבריגע שטיצע באצאלונג** איז א באצאלונג געמאכט פאר אייך אין א סומע אייניג צו די סומע פון איבריגע שטיצע וואס איז גענומען געווארן און געהאלטן געווארן דורך די דיסטריקט.

צו זיין בארעכטיגט פאר א ערשטע-שטאפל דעסק איבערזוכט פון א **צאמגערעכנטע איבריגע שטיצע באצאלונג**, האט א שטיצע באצאלונג געמוזט זיין גענומען געווארן און אוועקגעטיילט געווארן ערגעצוואו צווישן די דאטום ווען איר מאכט די פארלאנג און יאנואר 1 פון די פריערדיגע קאלענדער יאר. אבער איינמאל איר זענט באשטעטיגט אלס בארעכטיגט צו באקומען א צאמגערעכנטע איבריגע שטיצע דעסק איבערזוכט, וועט די איבערזוכט ווערן אדורכגעפירט פאר אלע צייטן ווען איר זענט געווען אויף TA אין אייער דיסטריקט.

## אנווייזונגען צו אויספילן דעם פארם

### טייל א - אייער אינפארמאציע

שרייבט אריין אייער:

- פולע נאמען.
- סאושעל סעקיוריטי נומער (SSN) אדער אינדיווידועל שטייער באצאלער אידענטיפיקאציע נומער (ITIN). אן ITIN איז א ניין-ציפערן נומער וואס הויבט זיך אן מיט א "9" וועלכע ווערט געגעבן דורך די אינערליכע געלטער סערוויס צו פרעמדע נאציאנאלן און אנדערע וועלכע זענען געפאדערט צו האבן אן אמעריקאנער שטייער באצאלער אידענטיפיקאציע נומער אבער האבן נישט, און זענען נישט בארעכטיגט צו באקומען, א SSN פון די סאושעל סעקיוריטי אדמיניסטראציע.
- פולע יעצטיגע פאסט אדרעס, אריינגערעכנט די נומער און גאס אדרעס (אדער פאסט קעסטל), סיטי, סטעיט, און זיפ קאוד.
- טעלעפאן נומער, אריינגערעכנט די עריע קאוד**.**
- קליענט אידענטיפיקאציע נומער (CIN).
- צייטווייליגע הילף קעיס נומער(ן) ([TA CAN[s]).
- ניו יארק קעיס אידענטיפיצירער(ס) (טשיילד סופארט אקאונט נומער[ן]). אויב איר האט מער ווי איין טשיילד סופארט אקאונט, ביטע שרייבט אריין אלע אייער ניו יארק קעיס אידענטיפיצירער.

## טייל ב - סארט פארלאנג

אלס טייל פון אייער דעסק איבערזוכט, קענט איר פארלאנגען א קאנפערענץ מיט די שטיצע זאמלונג אפטיילונג ( Support Collection Unit, SCU). די קאנפערענץ קען זיין פערזענליך אדער איפ'ן טעלעפאן און וועט אייך ערלויבן צו געבן דאקומענטן און/אדער אדורכרעדן די סיבה(ות) פארוואס איר גלויבט אז מען איז אייך שולדיג נאך געלט.

אויב איר ווילט **נישט** א קאנפערענץ אלס טייל פון אייער דעסק איבערזוכט, וועלט אויס "איך פארלאנג אן ערשטע-שטאפל דעסק איבערזוכט". אויב איר ווילט א קאנפערענץ אלס טייל פון אייער דעסק איבערזוכט, וועלט אויס "איך פארלאנג א קאנפערענץ מיט די שטיצע זאמלונג אפטיילונג און אן ערשטע-שטאפל דעסק איבערזוכט". ביטע רעכנט אריין די צייט וואס עס איז די בעסטע זיך צו פארבינדן מיט אייך און געדענקט אונז צו זאגן אויב עס איז a.m. אדער p.m.

## טייל ג - סארט איבערזוכט

- וועלט אויס וועלכע סארט דעסק איבערזוכט איר פארלאנגט: דורכגאנג באצאלונג אדער צאמגערעכנטע איבריגע שטיצע באצאלונג.
- אויב איר פארלאנגט א דעסק איבערזוכט פון א **דורכגאנג באצאלונג**, מוזט איר אונז זאגן פון וועלכע צייט אפשניט איר פארלאנגט די דעסק איבערזוכט. די צייט אפשניט פאר א דורכגאנג באצאלונג דעסק איבערזוכט איז באגרעניצט צו די קאלענדער יאר פון די מאנאט וואס די פארלאנג ווערט געמאכט און די פריערדיגע קאלענדער יאר, און בלויז פאר די מאנאטן אין וועלכע אן אויסטיילונג פון שטיצע רעכטן זענען געווען אין קראפט. צום ביישפיל, אויב איר פארלאנגט א דעסק איבערזוכט פון א דורכגאנג באצאלונג סיי ווען דעם קאלענדער יאר, קענען די מאנאטן ווערן איבערגעקוקט, מערסטנס, ביז צוריק צו די יאנואר פון די פריערדיגע קאלענדער יאר.
    - שרייבט אריין די מאנאט און יאר וואס איר ווילט די דעסק איבערזוכט זאל זיך אנהויבן און די מאנאט און יאר וואס איר ווילט די דעסק איבערזוכט זאל זיך ענדיגן.
- אויב איר פארלאנגט א **דעסק איבערזוכט פון א צאמגערעכנטע איבריגע שטיצע באצאלונג**, נעמט די איבערזוכט צייט אפשניט אריין די גאנצע צייט וואס איר האט באקומען TA. די דעסק איבערזוכט צייט אפשניט וועט זיך אנהויבן אויפ'ן ערשטן דאטום וואס איר האט באקומען TA און זיך ענדיגן די לעצטע מאנאט וואס טשיילד סופארט איז אנגעהאלטן געווארן דורך די דיסטריקט צו צוריקצאלן די TA וואס איר האט באקומען.
- זאגט אונז די סיבה(ות) פארוואס איר פארלאנגט א דעסק איבערזוכט. צום ביישפיל, איר קענט שרייבן "איך האב נישט באקומען א דורכגאנג באצאלונג פאר מאי XX20."
- איר קענט צולייגן דאקומענטן צו שטיצן אייער דעסק איבערזוכט פארלאנג. ביישפילן פון דאקומענטן וואס איר קענט צולייגן זענען די 1) מאנאטליכע *באריכט פון שטיצע געמומען*, 2) *איבריגע שטיצע בריוון*, אדער 3) סיי וועלכע אנדערע מעלדונגען באקומען פון אונז. אויב איר לייגט צו דאקומענטן, ביטע צייכנט די "יא" קעסטל. אויב איר לייגט נישט צו דאקומענטן, ביטע צייכנט די "ניין" קעסטל.

## טייל ד - אונטערשריפט און דאטום

- שרייבט אונטער אייער פולע נאמען.
- שרייבט קלאר אייער פולע נאמען.
- שרייבט אריין די דאטום ווען איר האט אונטערגעשריבן די פארם.

**צוריקשיקן אייער אויסגעפולטע פארלאנג פארם:** איינמאל איר האט אויסגעפולט די *פארלאנג פאר אן ערשטע-שטאפל דעסק איבערזוכט פון דורכגאנג באצאלונג אדער* צאמגערעכנטע איבריגע *שטיצע באצאלונג פארם*, שיקט אריין די אויסגעפולטע פארם און סיי וועלכע דאקומענטן צו די SCU וואס באהאנדלט אייער טשיילד סופארט אקאונט. איר קענט טרעפן די אדרעס פון סיי וועלכע SCU אנליין אויף https://www.childsupport.ny.gov/DCSE/LocalOffices. וועלט אויס די ריכטיגע קאונטי. נוצט די אדרעס וואס שטייט אונטער די *פאר דעסק איבערזוכט* טייל פון די קאונטי פארבינדונג אינפארמאציע בלאט. אויב איר זענט נישט זיכער צו וועלכע SCU צו צוריקשיקן די פארם, ביטע רופט די **טשיילד סופארט הילף ליניע** טאל-פריי אויף **888-208-4485 (TTY: 866-875- 9975)**, מאנטאג ביז פרייטאג פון 8:00 אינדערפרי ביז 7:00 ביינאכט. א ליסטע פון אנערקענטע רילעי סערוויס פראוויידערס געפונט זיך אויף https://www.fcc.gov/general/internet-based-trs-providers.

נאך איר געבט אריין די אויסגעפולטע פארם, וועט די SCU און די TA איבערקוקן אייער פארלאנג און אייך שיקן א שריפטליכע ענטפער ביז 45 ביזנעס טעג וואס די דאטום פון אייער שריפטליכע פארלאנג איז אנגעקומען צו די SCU. די דעסק איבערזוכט וועט באשטעטיגן אויב איר האט באקומען די ריכטיגע צאל שטיצע. אויב מען איז אייך שולדיג נאך געלט, וועט איר עס באקומען ביז 30 קאלענדער טעג פון די דאטום פון די באשטעטיגונגס בריוו. די TA אפטיילונג קען לייגן די באצאלונג אויף אייער EBT קארטל אדער, אין געוויסע פעלער, אייך שיקן א טשעק. אויב מען האט אייך באצאלט צופיל שטיצע, וועט די TA אפטיילונג מעגליך צוריקנעמען די סומע וואס איר זענט געווארן איבערבאצאלט.

אויב איר האט פראגעס איבער די פארם אדער די אנווייזונגען, אדער אויב ווען איר לייענט די אינפארמאציע, גלייבט איר אז איר האט א פראבלעם וואס פאדערט נישט א דעסק איבערזוכט, דאן פארבינדט זיך מיט די טשיילד סופארט הילף ליניע אויף די טעלעפאן נומער וואס שטייט אויבן.

בלויז פאר רעפערענץ